



מורשת אור החיים הקדוש
הוצאת ספריו וכתביו הק' ומפעלים להפצת תורתו


# משתגעין ומתלהטין ב תורת האור החיים הקדוש

פרשת פנחס תשפ"ד | גליון קכו

## מוסר חיים לקח מהפרשה במשנת רבינו

בשמי"ם ראש – לזכות ידידנו הרה"ח ר' יהודה בן שרה מרים הי"ו ווייס

### א אידיש מויל דארף געהיטן ווערן מיט א מורא'דיגע קדושה

**בְּנֵי יִשָּׂשכָר לְמִשְׁפְּחֹתָם תּוֹלָע מִשְׁפַּחַת הַתּוֹלָעִי לְפֻוָּה מִשְׁפַּחַת הַפּוּנִי.** (כו, כג)

דער רבי שרייבט, אז ווי באוואוסט איז שבט **יששכר** מרמז אויף די לומדי תורה, און לויט דעם טייטשט ער איין די פסוקים אז זיי רעדן פון די מעלות פון די לומדי תורה, און אויף די מ"ח קנינים וויאזוי מ'איז קונה די תורה וואס די משנה רעכנט אויס אין אבות (פרק ו משנה ו).

פון די זאכן וואס ווערן דארט דערמאנט איז **"במיעוט שיחה ובמיעוט שחוק"**, דאס הייסט זיך איינצוימען דאס מויל פון רעדן איבריג און פון געלעכטערס. ווייל דער וואס היט נישט אפ זיין מויל און ער מאכט עס ביליג מיט דיבורים אסורים, קען נישט מיט די זעלבע מויל רעדן דברי תורה, און דאס איז א גרויסע שטערונג אז די תורה הקדושה זאל זיך האלטן אינעם מענטש.

שרייבט דער רבי א מורא'דיגע לשון: **"וּמָצָאתִי לַחֲסִידֵי יִשְׂרָאֵל שֶׁכָּתְבוּ כִּי פֶּה שֶׁל לוֹמְדֵי תוֹרָה דִּינוֹ כִּכְלֵי שָׁרֵת אֲשֶׁר יְשָׁרְתוּ בָם בַּקּוֹדֶשׁ, כִּי אֵין קְדוּשָּׁה כִּקְדוּשַּׁת הַתּוֹרָה, וְלָזֶה אָסוּר לְדַבֵּר בּוֹ אֲפִילוּ דִּבְרֵי חוֹל הֲגַם שֶׁאֵין בָּהֶם דְּבָרִים הָאֲסוּרִים."**

די כלי שרת אין בית המקדש זענען געמאכט געווארן בלויז פאר די עבודה פונעם אויבערשטן. ווער עס נוצט זיך מיט די הייליגע כלים פאר זיינע פריוואטע געברויכן - אפילו נישט פאר א ביליגן צוועק - איז **"מועל בהקדש"**, און זיכער ווערט קיינעם נישט איינפאלן צו נוצן די כלי שרת פאר זאכן וואס זענען פארקערט פון קדושה.

**פונקט די זעלבע זאך איז א מויל וואס לערנט תורה!** אפגערעדט אז די מויל איז נישט געמאכט געווארן צו נוצן אויף ליצנות און לשון הרע - וואס זענען עבירות ממש, נאר אפילו אויף צו רעדן סתם דברים בטלים - זאכן אבי גערעדט... וואס ברענגען נישט קיין שום תועלת אין עבודת ה' - איז דאס אויך נישט געמאכט געווארן. אזויווי חז"ל דרש'ענען אויפ'ן פסוק **"ודברת בם"** אז דאס קומט ממעט זיין **"ולא בדברים בטלים"** - אפילו ס'איז נישט ממש קיין דיבורים אסורים. ווייל דאס מויל איז א "כלי שרת" - **כי אין קדושה כקדושת התורה!**

מיט דעם פארענטפערט דער רבי דאס וואס ס'שטייט ווייטער אין פסוק **"לְפֻוָּה מִשְׁפַּחַת הַפּוּנִי"**, לכאורה פארוואס שטייט **הפוני** נישט **הפווי**? ווייל **הפוני** איז א לשון פון **מְפַנֶּה** זיין - אוועקנעמען. די תורה וויל מרמז זיין, אז א לומד תורה דארף **אוועקנעמען** פון זיין מויל אלע אנדערע רייד אויסער תורה, וויבאלד דאס שטערט פאר'ן קיום התורה אינעם מענטש.

דער מקור אז א מויל פון א לומד תורה איז ווי א "כלי שרת" קומט פונעם רבינו יונה (בפי' למס' אבות על המשנה "ולא מצאתי לגוף טוב משתיקה"), וואס ער שרייבט: **"שֶׁלֹּא יְדַבֵּר בַּפֶּה דִּבְרֵי תוֹרָה וּדְבָרִים שֶׁל הַבְלֵי הָעוֹלָם, שֶׁהָיוּ הַחֲכָמִים הַקְּדוֹשִׁים עוֹשִׂין עַצְמָן כִּכְלֵי שָׁרֵת שֶׁאֵין מִשְׁתַּמְּשִׁים בָּהֶם דְּבָרִים שֶׁל חוֹל."**

אנדערע צייכענען צו, אז דאס ווערט אויך דערמאנט אין אלשיך הקדוש (פרשת תצוה כח, לא) ווי ער שרייבט, וז"ל: **"מִי זֶה הֶחָי לֹא יִתֵּן אֶל לִבּוֹ, לִשְׁמוֹר לְפִיו מַחְסוֹם מִדַּבֵּר דָּבָר אֲשֶׁר לֹא כְּתוֹרַת ה', וּלְשָׁמְרָהּ בִּקְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה, כִּי הֵם כְּלֵי הַקּוֹדֶשׁ אֲשֶׁר יְשָׁרֵת בָּם אֶת הַמֶּלֶךְ הַקָּדוֹשׁ, וְלֹא יְשָׁרְתוּהוּ בִּכְלֵי צוֹאִים..."**

אזוי טייטשט אויך דער רבי אנפאנג פרשת דברים אויפ'ן פסוק **"אלה הדברים אשר דבר משה"**, אז משה רבינו האט זיין גאנץ לעבן נישט גערעדט קיין שום אנדערע זאכן, חוץ די דברי תורה חכמה ומוסר וואס ער האט אויסגעלערנט פאר כלל ישראל.

## פניני חיים פנינים מובחרים משבדים ומתומצתים על פי דברי רבינו

בש"ם בצלאל – לע"נ הרה"ח ר' משה שמואל ב"ר בצלאל ז"ל

### קודעץ געדאנקען באארבעט על פי דברי רבינו

**בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם.** (כה, יא)

די תורה איז מדגיש **"את קנאתי"** - צו זאגן אז די קנאות פון פנחס איז געווען ריין לשם שמים, אן קיין שום אנדערע כוונות און אן קיין שום אייגענע נגיעה. דאס איז פשט **"את קנאתי"** - כאילו דער אויבערשטער אליינס וואלט עס געטון, וואס דעמאלט איז עס זיכער ריין אינגאנצן בתכלית. פירט דער רבי אויס: **"וזו היא מצוה שלימה אשר יתרצה ה' בה יותר מכל אשר יעשה האדם"**.

**וְשֵׁם אִישׁ יִשְׂרָאֵל הַמֻּכֶּה אֲשֶׁר הֻכָּה אֶת הַמִּדְיָנִית זִמְרִי בֶּן סָלוּא.** (כה, יד)

לכאורה איז שווער, מה נפשך, אויב די תורה וויל מפרסם זיין דעם חוטא - וואלט עס געדארפט שטיין גלייך אנפאנג ווען ער האט געזינדיגט, און אויב די תורה וויל עס נישט מפרסם זיין - פארוואס שטייט עס דא? נאר באמת היט דער אויבערשטער אפילו אויף די כבוד פון רשעים, און סתם אזוי איז די תורה נישט מפרסם ווער דער חוטא איז. נאר יעצט, ווען די תורה קומט זאגן די געוואלדיגע שבח פון פינחס אז ער האט מקנא געווען לשם שמים - שרייבט די תורה ווער דער חוטא איז, צו לאזן הערן אז פינחס האט נישט פוגע געווען דא אין סתם א פשוט'ער מענטש, נאר למען כבוד ה' און כדי מכפר צו זיין אויף כלל ישראל האט ער מקנא געווען אין זמרי בן סלוא - א נשיא בישראל, און אין כזבי בת צור - וואס זי איז געווען ראש הקליפות און א בת מלך, און אפילו אזוי האט זיך פינחס נישט אפגעהאלטן פון די קנאות.

**וַיִּהְיוּ בְנֵי יְהוּדָה לְמִשְׁפְּחֹתָם לְשֵׁלָה מִשְׁפַּחַת הַשֵּׁלָנִי.** (כו, כ)

**"ויהיו"** - א לשון צער - קומט מרמז זיין, אז **"בני יהודה"** - אלע אידן - דארפן זיך מצער זיין אויפ'ן אריכות הגלות נאכ'ן חורבן בית המקדש, און **"לְשֵׁלָה"** - איז ענליך צו **"שִׁילֹה"** - פון די נעמען פון משיח, אז מ'דארף זיך מצער זיין אויף **משיח צדקנו** און ווארטן אויף זיין קומען. אזויווי חז"ל זאגן (כתובות עז:) אז רבי יהושע בן לוי איז אריין אין גן עדן, און משיח צדקנו האט אים געפרעגט אויב כלל ישראל ווייסט פון זיין צער און עס קרענקט זיי. און די וואס האפן און ווארטן אויף משיח וועלן זוכה זיין **"משפחת הַשֵּׁלָנִי"** - צו זיין פון דעם דור וואס **שִׁילֹה** - משיח צדקנו - וועט קומען, און זיי וועלן ווערן אנגערופן **"דורו של משיח"**.

## הלכה ודרוש

# האם היה ליהושע דין מלך

**וַיִּסְמֹךְ וְגוֹ' וַיְצַוֵּהוּ.** עוֹד יִרְמֹז אֶל הַמַּלְכוּת, עַל דֶּרֶךְ אוֹמְרָם ז"ל 'אֵין צַו אֶלָּא מַלְכוּת', דִּכְתִיב (שמואל א' יג יד) "וַיְצַוֵּהוּ ה' לְנָגִיד". וִידַיֵּק גַּם כֵּן אוֹמְרוֹ "כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר ה' בְּיַד מֹשֶׁה", פֵּרוּשׁ, כִּי הַמַּלְכוּת דִּבֶּר ה' שֶׁתִּהְיֶה בְּיַד מֹשֶׁה בִּמְקוֹם שֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה (כז כג).

[כתב בשו"ת קול מבשר (ח"א סימן עו ד"ה עכ"פ נשיא): ואף כי בעניי נעלם ממני מקום המאמר 'אין צו אלא מלכות', מ"מ נאמן עלינו רבינו הקדוש בעל אוה"ח שהביא כן בשם חז"ל, בודאי נמצא כן באיזה מקום במדרש, ע"כ.]

רבינו מבאר מאמר הכתוב "ויקח את יהושע וגו' ויצווהו", שמשה מינה את יהושע להיות מלך ישראל, ומ"מ לא נמשח בשמן המשחה, כיון שדבר ה' היה במקום שמן המשחה.

והנה כתב **הרמב"ם** (מלכים פ"א ה"ג): אין מעמידין מלך בתחילה אלא על פי בית דין של שבעים זקנים ועל פי נביא, כיהושע שמינהו משה רבינו ובית דינו, ע"כ.

ומקורו ביומא (עג, ב), שהובא שם דאין שואלין באורים ותומים אלא למלך, וילפינן מהפסוק (לעיל פסוק כא) "ולפני אלעזר הכהן יעמוד ושאל לו במשפט האורים וגו' הוא וכל בני ישראל", ודרשינן "הוא" זה מלך, ופירש"י, דהא ביהושע משתעי קרא. ומבואר שיהושע היה לו דין מלך. וכן מבואר בסנהדרין (מט, א) דמה שאמרו ישראל ליהושע (יהושע א, יח) "כל איש אשר ימרה את פיך וגו' יומת", זה מדין מורד במלכות, ומוכח ג"כ שהיה לו דין מלך.

ב**מכילתא** (סו"פ בשלח, מסכתא דעמלק פרשה ב) עה"פ "ושים באזני יהושע" איתא: 'מגיד שאותו היום נמשח יהושע', והיינו משום דלמלחמת עמלק בעינן מלך. [אולם לפי"ד רבינו בביאור הכתוב כאן, מבואר שרק סמוך לפטירתו של משה מינה את יהושע להיות מלך ישראל]. וראה עוד ברשב"ם (ב"ב עה, א ד"ה אוי) שכתב: 'שהרי יהושע היה נביא ומלך כמשה'.

**ובמנחת סולת** (ח"ב, בהערות שבתחילת הספר אות ה), הביא מש"כ בספר **ענף יוסף** על מדרש תנחומא (פר' יתרו ד"ה במלכים) דיהושע לא היה לו דין מלך, וכתב שבמדרש תנחומא (פר' בהעלותך) לענין חצוצרות, מוכח דהיה מלך.

ובהגהות **המנחת חינוך** (על הרמב"ם שם) כתב וז"ל: מדברי רבינו נראה שיהושע היה מלך, ובמקרא לא נמצא, גם לא מצינו שנמשח ורבינו הביא לקמן שמושחין אותו, עכ"ל. [כוונתו למש"כ הרמב"ם (שם הלכה ז): כשמעמידין המלך מושחין אותו בשמן המשחה.]

ובשו"ת **קול מבשר** (ח"א סימן עו ד"ה עכ"פ נשיא), הביא דברי המנחת חינוך, וכתב דאישתמיטתיה לפי שעה דברי הגמרא ביומא ובסנהדרין הנ"ל. ומה שהקשה דבמקרא לא נמצא זה, יש ליישב לפי דברי רבינו כאן, וכ"כ רבינו בפרשת וילך עה"פ (דברים לא, יד) "קרא את יהושע ואצונו" דהוא מלשון מלכות. וא"כ הדבר מפורש בתורה בשני מקומות, דיהושע היה לו דין מלך.

עוד **כתב רבינו** בפרשת וילך (שם): וכן הוא אומר (שם פסוק כג) "כי אתה תביא" ודרשו ז"ל (סנהדרין ח, א) 'קח מקל והך על קדקדם', ע"כ. וכוונתו שמזה מוכח ג"כ דיהושע היה לו דין מלך.

### למה לא נמשח יהושע

ומה שהקשה עוד **המנחת חינוך** שמבואר ברמב"ם (הל' מלכים שם) שכשמעמידין מלך מושחין אותו בשמן המשחה, ולא מצינו שיהושע נמשח. לא קשה כלל, שהרי כתב רבינו 'וידייק גם כן אומרו "כאשר דבר ה' ביד משה", פירוש כי המלכות דבר ה' שתהיה ביד משה במקום שמן המשחה', שכוונת המקרא "ויצוהו וגו' כאשר דבר ה' ביד משה", שציוה ה' שהמלכות תהיה "ביד משה", כלומר שהסמיכה בידים של משה תהיה במקום שמן המשחה.

עוד כתב בקול מבשר (שם) דבלא"ה לא קשה, דהא אין מושחין רק מלכי בית דוד ולא מלכי ישראל כמבואר ברמב"ם (שם הלכה י).

וראה עוד **באבות הרא"ש** (ח"א קונטרס הלכתא למשיחא דף מד, ב) שהביא מקדמונים שעמדו על זה למה לא נמשח יהושע. וכתב ליישב לפי דברי **הנחלת בנימין** (הובא בספרינו כל הכתוב לחיים לפרשת תצוה כז, כ) שמלך שלא נמשכה מלכותו לזרעו אחריו לא נמשח, וכמו כן ביהושע שלא נמשכה המלכות לזרעו, לא נמשח. אך באבות הרא"ש העיר עך זה, מלשון המכילתא (שם) 'מגיד שאותו היום נמשח יהושע', ומבואר שנמשח בשמן המשחה. אולם **בהדרש והעיון** (לוין, מאמר קל"ח) כתב דלא יתכן לפרש המכילתא כפשוטו, כיון שלא היה עדיין שמן המשחה במלחמת עמלק שהרי נעשה רק אח"כ במלאכת המשכן, וצ"ע.

## אגדה וחסידות

# לפרוש משערי היתר כדי שלא יבוא לידי איסור

**וְאוֹמְרוֹ לְשִׁמְרוֹן מִשְׁפַּחַת הַשִּׁמְרֹנִי.** יִרְמֹז לְתוֹסֶפֶת הַשְּׁמִירָה הַמִּתְחַיֵּב עֲשׂוֹת בֶּן תּוֹרָה יָתֵר עַל הֶהָמוֹן, כְּאוֹמְרָם ז"ל (יומא פו.) הֵיכִי דָּמֵי חִלּוּל הַשֵּׁם, אָמַר רַב, כְּגוֹן אֲנָא דְּשַׁקִילְנָא בִּשְׂרָא וְלָא יְהִיבְנָא דָּמֵי לְאַלְתַּר, עַד כָּאן. מִזֶּה יַקִּישׁ כַּמָּה צָרִיךְ לְהִשְׁתַּמֵּר בֶּן תּוֹרָה בְּכָל פְּרָטֵי הַמִּצְוֹת, וְאָמְרוּ ז"ל (חובת הלבבות שער התשובה פ"ה) כִּי חֲסִידִים הָרִאשׁוֹנִים הָיוּ שׁוֹמְרִים חֲמִשִּׁים שַׁעֲרֵי הֶתֵּר לְבַל יִכָּשְׁלוּ בְּשַׁעַר הָאִסּוּר, וְהוּא אוֹמְרוֹ "לְשִׁמְרוֹן מִשְׁפַּחַת הַשִּׁמְרֹנִי" (כו כג).

זה לשון הספר **חובת הלבבות** (שער התשובה פ"ה): כמו שנאמר על קצת החסידים, שהיו פורשים משבעים שערים משערי המותר, מיראתם שער אחד משערי האסור, וכמו הסייגים, שצוו עליהם רבותינו ז"ל ואמרו, ועשו סייג לתורה, ע"כ. והובאו דבריו **בראשית חכמה** (שער הקדושה פט"ו, אות ג), **ובשל"ה** הקדוש (שער האותיות אות הקו"ף, קדושת האכילה א' אות מד), **וביוסף אומץ** (ח"א דיני זהירות במאכלים שיהיו בהיתר סימן קמא).

וראה ב**חכמה ומוסר** (לרש"ז מקלם, ח"א סימן רכח) שכתב שיש ללמוד חומר הענין בזה, ממה שמבואר בגמרא (סוכה מב, ב), דאף שבמקדש מצות לולב בכל ז' מדאורייתא, ובגבולין עכ"פ יום ראשון מדאורייתא, מכל מקום אם חל בשבת גזרו חכמים שלא יטול, משום גזירה שמא יטלנה וילך אצל בקי ללמוד ויעבירנו ד' אמות ברשות הרבים. ויש להתבונן וללמוד מזה, כמה גדול וחמור כח עבירה, כי הנה האינו בקי בנטילת לולב, אינו מצוי כל כך, ומפני חשש רחוק שמא יארע אחד שאינו בקי, ושמא ישכח ויעביר ד' אמות ברשות הרבים, כדאי לבטל מכל כלל ישראל מצות לולב, כדי שלא יבוא האחד לשגגת שבת, ומזה יש ללמוד כמה נדרים וכמה שערים צריך האדם להרחיק את עצמו משערי היתר, שלא יבוא לידי שוגג אחד, עכ"ד.

אך כבר העיר הגר"ח פלאג'י בספרו **ראה חיים** (ח"ב, בקונטרס חיא וחמרא שבסוה"ס, דף ט, ב), על שבחובת הלבבות (שער התשובה פ"ה) כתב, שהחסידים היו פורשים **משבעים** שערים, ורבינו כתב שפורשים **מחמשים** שערים, והוסיף הגר"ח פלאג'י, שאם החסידים הראשונים היו פורשים מכל כך שערי היתר, אם כן אנו לכל הפחות יש לנו לפרוש אחת ושש, אחת ושבע, משערי האיסור. וכתב שכדברי החובת הלבבות מרומז במאמר הכתוב "ובחרת בחיים", והיינו, שבדבר המותר הנקרא חיים יש לך **לבחור 'בחיים' בגימטריא שבעים**, לומר שיש לך ליזהר שיהיה שבעים שערי היתר, ורק אז תאכל ממנו.

וב**מגילת סתרים** (לבעל ה'לבושי שרד', ד"ה ואז כשהוא) כתב: וגם במצות ל"ת צריך לעשות כך בהתעוררות הלב, כמו שאמרו רז"ל (ספרא, הובא ברש"י ויקרא כ, כו) 'אל יאמר אדם אי אפשי בבשר חזיר, אלא אפשי ומה אעשה שאבי שבשמים גזר עלי', ואז לא די לו במה שנאסר בפירוש, אלא מוסיף ועושה אזניים לתורה ופורש **מחמשים** שערי היתר בשביל שער אחד של איסור, ע"כ. וזה כדברי רבינו שפורשים **מחמשים** שערים.

ויש שהזכירו עוד מניינים שונים בשיעור השערים שצריך לפרוש משערי ההיתר, וכדלהלן:

ה**באר מים חיים** (בראשית ב, ז על הפסוק 'וייצר ה' אלוקים') כתב: כי כמה וכמה פעמים הזהירו רבנן לעשות סייג וגדר בפרישת **צ"ט** שערי היתר שלא יבוא לידי איסור, ולמדוהו מהתורה (ויקרא יח, ל) "ושמרתם את משמרתי", עשו משמרת למשמרתי, כמו שאמרו חז"ל (יבמות כא, א), ע"כ. וכ"ה בשו"ת השיב משה (לבעל הישמח משה, סי' ז), המובא להלן.

**ובדברי מלכיאל** (הדרן לסיום מסכת עוקצין ד"ה ענין נתינת) כתב: וכמאמר החסיד שצריך לפרוש **מאה** שערי היתר כדי שלא יכשל בשער אחד מן האיסור, ע"כ. והוסיף שיסוד ענין זה מבואר בדברי התוספות בכתובות (קד, א ד"ה לא נהניתי) שכתבו בשם המדרש, שעד שמתפלל אדם שיכנסו דברי תורה לתוך מעיו, יתפלל שלא יכנסו מעדנים לתוך מעיו.

ובשו"ת **בית שערים** (חלק אורח חיים סימן שלד) כתב: ואמרתי מאז לחלק, בדבר שהוא מחויב בעיקר המצוה, והוא מוסיף חומרא על חומרא לפרוש **מאלף** שערי היתר שלא יבוא לשער אחד של איסור, ודאי קדוש יאמר לו ולא הדיוט, והוא מצות עשה מן התורה לעשות כן, 'קדש עצמך במותר לך', ועיין רמב"ן בפרשת קדושים, ע"כ.

### חיוב זה מוטל יותר על הבן תורה

והנה, עיקר הענין לפרוש כמה שערים משערי היתר, כבר נתבאר בדברי הקדמונים כמבואר, ורבינו הוסיף, שבן תורה מחויב בכך יותר. וראה עוד כעין זה בשו"ת **השיב משה** (לבעל הישמח משה, סי' ז), שנשאל, באשר שיש אחד מאנשי עירו שאמר שיש קפידא שלא יתפלל לפני התיבה מי שלבוש בבגדי צמר מחמת חשש כלאים, עד שילבש בגדים אחרים בעמדו בתפילה, האם הזכות בידו. והשיב, שאמנם אשרי למי שנזהר ואין לובש בגדי צמר, משום שיש חשש גדול שמא נתערב בו חוט פשתן, אך אין בידינו לכוף את ההמון עם שלא ללבוש בגדי צמר. וגם אין היחיד יכול למחות בהש"ץ שלא ללבוש, אך זה רק אם מתפללין שם בבית הכנסת **בנוסח אשכנז** ולא בנוסח האר"י זצוק"ל, אבל אם מתפללין **בנוסח האר"י זצוק"ל** שהוא נוסח של המתנהגים בחסידות, ודאי דהדין עם היחיד, דידוע **שכל המתפללים בנוסח זה קיימו וקבלו עליהם לברוח מצ"ט שערי היתר** כדי שלא יפגעו בשער אחד ממאה של איסור ח"ו, ואין לובשים בגדי צמר. ואפשר אם אירע יחיד שנכנס להתפלל והוא מלובש בבגדי צמר אין מחפשין אחריו, אבל עכ"פ היחיד יכול לעכב שלא לירד לפני התיבה בבגדי צמר, דהוי תרתי דסתרי תפילותיו ומלבושו, ומעורר ח"ו קטרוג גדול, עכ"ד. נמצינו למדים, שהמתנהג בדרכי החסידות, מחויב יותר בפרישת שערי היתר, וזה דומה לדברי רבינו שבן תורה מחויב בכך ביותר.

מתיקות ועריבות
טוב התורה

מאות מגידי שיעור והוגי תורת האור החיים הקדוש מעידים:
עם הספר 'כל הכתוב לחיים' הכולל אלפי ביאורים מגדולי הדורות על ספר "אור החיים" הקדוש, מרגישים 'מתיקות ועריבות' בדברי האור החיים הקדוש, ומגלים צפונות ונפלאות בתורתו הקדושה, עד בכדי ש'משתגעין ומתלהטין אחריה'.
להשיג בכל חנויות הספרים, או בקו ה'מורשת' 0733.713.620

# 'חברת כנסת ישראל'

בה בעת שהשתדל והתאמץ לקבץ תלמידים - בני עלייה ובעלי מדרגה ראויה להצטרף אליו בעלייתו לארץ ישראל, כדי להתקדש בקדושתה ולעסוק בתורה יומם ולילה - ידע רבנו כמה קשה הוא עול הפרנסה בארץ ישראל, והבין כי כדי להחזיק את תלמידיו על שולחנו עליו לכונן תמיכה קבועה שתאחז בחומות הישיבה לבל תמוטנה.

למטרה זו הקים רבנו באיטליה את 'חברת כנסת ישראל', שכללה הן את התלמידים והן את ידידי הישיבה, שקיבלו על עצמם לתמוך בקביעות בלומדי הישיבה. על פי תקנות החברה שתיקן רבנו, נועד חלק שווה בחברה ללומדים ולמחזיקים בהם. רבנו תכנן להציב לוח זכרון בישיבה בירושלים ולחקוק עליו את שמות כל החברים, כאשר חכמי הישיבה יהיו מתפללים על כל החברים ובני משפחותיהם, בפרט בעת שהשתטחו על קברי צדיקים ופקדו מקומות קדושים ומסוגלים לתפילה. לאחר עלייתם לארץ ישראל, הקפיד רבנו לשלוח אגרות לחברי 'כנסת ישראל' שנותרו בחוץ לארץ, בהן דיווח להם בפרוטרוט על קורות הישיבה ולומדיה. הוא גם ביקש מהחברים הדרים בחו"ל, שיכתבו לו בקביעות, לכל הפחות אחת לשלושה חודשים, ולספר על הנעשה במחיצתם. מאחר וקהילות איטליה נטלו על עצמן לשאת בעול החזקת הישיבה, תוארה הישיבה "לשם ולפאר ולתהילה של קהילות איטליה" - כלשונו של הגאון רבי שבתי אלחנן זצ"ל, רבה של קהילת קסאלי, במכתבו שיצוטט להלן.

גם בספר 'זכרון ירושלים' (אמסטרדם תקי"ט) לרבי יעקב בוביאנה ז"ל - ומשם הועתק ל'תולדות חכמי ירושלים' לרבי אריה לייב פרומקין ז"ל (חלק שלישי פרק א') - מתוארת הישיבה במלים המדגישות את השתייכותה לקהילת ליוורנו: "ויש בתוכה שתי בתי כנסיות, מלבד הרבה בתי מדרשות וישיבות ותלמודי תורה, ובפרט המדרש הגדול אשר יסד ובנה הגביר המפורסם החסיד והעניו דחיל חטאין ומוקיר רבנן כמו"ה ישראל יעקב פירירה נ"ע. ומדרש אחר אשר קבעו יחידי מגולה דק"ק ליוורני וערי איטליא להרב המובהק חסידא קדישא כמו"ה חיים ן' עטר זללה"ה בשם 'כנסת ישראל', אשר לעת עתה תלמידו הרב המובהק כמו"ה יונה נבון נר"ו ממלא מקומו. ועוד יש מדרש אחר אשר קבעו האחים בני המנוח כהר"ר משה פראנקו מפרנסי ליוורני, בשם 'יפאר ענוים'".

הועד המרכזי של 'חברת כנסת ישראל' נוסד בליוורנו, שקהילתה נודעה - כאמור - באהבת תורה, ונכבדיה נהגו להחזיק ישיבות ותלמידי חכמים [כך כתב הגאון רבי יהודה עייאש זצ"ל - רבה של אלג'יר, שעלה לארץ ישראל והתעכב שנתיים בליוורנו - בקונטרס 'אות ברית' שבסוף ספרו 'בני יהודה', וזו לשונו: "זאת אומרת ומספרת שבח הארץ, היא העיר הגדולה, גדולה במעשיה, זאת העיר כלילת יופי, עיר ליוורנו יע"א. ואני בבואי מעיר ארגיל יע"א למחנה אלוקים זה, ראיתי והנה מנורת זהב כולה כלולה מכל המידות החמודות, כולהו איתנהו בה, והלכות דרך ארץ שנו, כאן נמצאו, זכאן היו, הנהגות ישרות, שכל טוב לכל עושיהם, העין רואה והלב חומד. ולעילא מכל ברכתא שתי פרידות טובות, טובים השניים דאשתנו למעליותא עמיקתא ומסתתרא, ירושה להם מאבותיהם, מוחזקים בידיהם בכל היד החזקה, נתונים נתונים המה לפניהם היום ברכה בקרב הארץ, הן הנה היו לבני ישראל יסוד מוסד וקנין גמור, זכור ושמור, בכל לבבם ובכל נפשם ובכל מאודם, אשרי העם שככה לו. וזה פרטן - ברית ותורה, ברוך בכלל וברוך בפרט. וזאת התורה אשר שמו עליהם וקיימו וקיבלו לקבוע ישיבות ראשי עם קודש, איש איש על עבודתו ועל משאו בית ועד לחכמים, הא למגמר הא לאגמורי, עשרה שיושבין ועוסקין בתורה שכינה שרויה ביניהם, בישיבה שיש עמה סמיכה, סמיכת זקנים בדבר תורה מעות קונות מדי חודש בחודשו. ובאמת אמרו (ברכות ו.) 'כי זה כל האדם', כל העולם כולו לא נברא אלא בשביל זה הדבר אשר ציוה ה', הסומך והנסמך יחדיו יחלוקו מתן שכרן של צדיקים לעתיד לבוא, ואוכלין מפירותיהן בעולם הזה להיות מצליחים בנכסיהם לא יסורו ממנו, אמן נצח סלה ועד".]

מקרב חברי הועד המרכזי, נבחר בכל שנה 'פקיד השנה', שהיה מרכז את העשייה למען הישיבה באותה שנה. לאחר הסתלקות רבנו, כאשר היו צריכים לבחור ראש ישיבה שימלא מקומו, וגם כאשר התקבלו תלונות על סדרי הישיבה ועל דברים הצריכים תיקון, הונחו הסוגיות על שולחנם של חברי הועד בליוורנו, שהיו הממונים בפועל על הישיבה.

הועד המרכזי שבליוורנו, הוא שפנה לקהילות נוספות באיטליה וביקש את הירתמותן בתמיכה קבועה לישיבה בירושלים. עוד קודם שיצא רבנו לפקוד את קהילות איטליה בעצמו, פנו חברי הועד מליוורנו לקהילת מנטובה ודחקו בנכבדיה ליטול חלק בכינון הישיבה. מקהילת מנטובה התקבלה התשובה, כי אין בכוח הקהילה להשית על שכמה מעמסה שכזו באופן קבוע - גם בשל חובות שהקהילה עצמה שקועה בהם, וגם מפני שהתחייבה כבר לתמוך בקביעות בעניי ירושלים והתנתה תנאי שלא תידרש להוסיף על תרומתה הקבועה - ועם זאת הודיעה הקהילה על נכונותה לתרומה חד פעמית, ואף זו תינתן רק כאשר תתגשם התכנית והישיבה תוקם בירושלים. אדהכי והכי, קם רבנו ונסע בעצמו למנטובה, שם בא בדברים עם ראשי הקהילה ושטח בפניהם את שאיפותיו. הסכימו אלו עמו, כי ימשיך במסעו לאמסטרדם, ואחרי שישוב לאיטליה תקבע הקהילה את גובה תמיכתה. לפי שעה נתנו לו חמשה עשר ציקיני בתור 'צידה לדרך', ועוד חמשה ציקיני למשרתו הגאון רבי דוד חסאן זצ"ל וציקיני נוסף לעוזר שנלווה אליהם. לאחר שעלה רבנו לארץ ישראל, שיגר איגרת לקהילת מנטובה, בה סיפר על פתיחת הישיבה בראש חודש חשון תק"ב, תיאר את סדרי הלימודים בה, ציין את מספר הלומדים העומד על עשרה והוסיף שהם "מתפללים על החברים תומכי מדרשנו".

## עבדים לעבד ה'

כדי לפעול את כל אלו, לא חס רבנו על כוחותיו ועל כבודו, וכאמור נדד בעצמו בין קהילות איטליה והולנד. בכל מקום אליו הגיע, הלהיב את הלבבות ועשה נפשות לחזונו הנשגב. הקרוב אליו, תלמידו הנאמן שיצא עמו ממרוקו, הגאון רבי דוד חסאן זצ"ל, לא מש מאהלו וסייע על ימינו. אליו הצטרפו, בליוורנו, שניים מיקירי הקהילה, רבי משה פראנקו ז"ל והנגיד רבי שלמה אלוף ז"ל, ששימשו את רבנו באמונה וסייעו לו רבות בהגשמת משאלות לבו הטהור. זולתם, נוספו למחנה רבנו כמה מעריצים ותומכים, מרבני ונגידי הקהילות, שהתגייסו לפעול בכל כוחם ומרצם, הרימו נדבתם והתרימו את מכריהם, ואף השתדלו בסידור האמצעים הטכניים שרבנו ביקש להשלים לפני נסיעתו. ראש וראשון להם, הנגיד רבי שלמה חיים סנגויניטי זצ"ל ממודונא, וכמותו כמה מנכבדי העדות באיטליה, והצד השוה בשאיפתם - להיות אחיעזר ואחיסמך לצדיק.

השפעתו של רבנו על עשירי איטליה, גדולה ומכרעת היתה, ובגין כך ידעה הישיבה רווחה כלכלית כל עוד ורבנו חי בהאי עלמא. משנסתלק לעלמא דקשוט, ירד קרנה של הישיבה בעיני העשירים והתמיכות פחתו באופן משמעותי. במכתב ששלחו רבני הישיבה מירושלים, בשנת תקכ"ו, סחו בפילולם: "כי לימים ראשונים מאז היתה ישיבה של מעלה כולה כליל לא תחסר כל בה".



**וואונדערליכע ישועות דורך לערנען אור החיים הקדוש אדער דורך העלפן מיט הוצאה לאור פון ספרי רבינו זי"ע**

# לערנען די ריכטיגע פאך...

פארגאנגענעם חודש סיון, אין דער צייט וואס אונז - הנהלת הכולל "כנסת ישראל" על שם האור החיים הקדוש - זענען מיר געווען אין פולסטן שוואונג אין פארברייטונג פון די גרויסארטיגע סעודת הילולא וואס וועט אפגעהאלטן ווערן אינעם יארצייט פון רבינו זי"ע, איז איין טאג אויסגעקומען צו רעדן מיט איינעם פון די עסקנים וואס וואוינט אין בני ברק, וועלכער איז ממונה אינזין צו האבן דעם גרויסן זאל וואו די סעודת הילולא וועט אפגעראכטן ווערן.

ביי מיר אין געדאנק איז דורכגעלאפן פארשידענע וויכטיגע זאכן וואס דארפן ווי אמשנעלסטן ארלעדיגט ווערן, אבער דער עסקן האט מיר נישט געגעבן דעם שאנס אויסצורעדן אפילו א ווארט. אין די רגע וואס ער האט אויפגעהויבן, גיבט ער מיר א שריי אריין אין טעלעפאן מיט גרויס אייפער און עקסטאז: "דו וועסט נישט גלייבן וואס איך האב דיר צו דערציילן..." איך האב פארשטאנען אז ס'קומט עפעס טשיקאוו, האב איך אים געלאזט אויסרעדן, און אזוי דערציילט ער:

שוין באלד א יאר וואס איך לערן זיך א געוויסע פאך, איך לייג אריין שווערע כוחות, שעות אויף שעות פון צייט און מח, און ענדליך בין איך אנגעקומען צום לעצטן און שווערסטן שטאפל - די פארהער.

דו ווייסט דאך, א "פארהער" איז נישט געמאכט געווארן פאר פארנומענע מענטשן... קוים וואס מ'האט צייט צו לערנען די גאנצע מאטעריאל, זאל מען נאך האבן צייט אלעס איבערצוגיין אין איין קארגע חודש?!... אבער פאקט איז, אז אן דעם טעסט קען מען זיך נישט אנשליסן אין די אזוי לאנג ערווארטעטע ארבעט, וואס מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף קען עס זיין א גוטע מקור פאר פרנסה. האב איך פרובירט מיין בעסטע, אבער דער מציאות האט מיר געפאטשט. א נאכט פאר'ן טעסט האב איך געזען אז איך בין ניטאמאל אריבער אויף א פערטל פון די ביכער.

ס'איז נישט קיין סוד, אריבערצוגיין די טעסט דארף מען האבן כאטש א 60, און איך האלט אין בעסטן פאל ביי א קארגע 25... וואס טוט מען דא?... איך קען דיר זאגן, איך בין געווען שרעקליך אנגעצויגן, אבער... בלויז אויף געציילטע מינוטן.

מיטאמאל האט מיר אויפגעבליצט א געדאנק. אויב איך קען נישט לערנען פאר מיין ארבעט, גיי איך אנפאנגען צו לערנען סאך א בעסערע זאך... **איך האב מיר יענע רגע פארגענומען, אז איך פאנג אן לערנען יעדע וואך "אור החיים הקדוש" אויף די פרשה!** איך האב געהאפט אז בזכות דעם וועט מיר דער אויבערשטער העלפן אז איך זאל מצליח זיין ביים פארהער.

"נו..." ווער איך נייגעריג, "וואס האט זיך אויסגעלאזט?"

אזויווי איך האב דיר פריער געזאגט, דו וועסט נישט גלייבן וואס דו הערסט. אויפצומארגנס בין איך געקומען "גרייט" פאר א דורכפאל... מיט שטרויכלנדע פיס בין איך צוגעגאנגען צום אויפזעער נעמען די פארהער און זיך געזעצט שרייבן. איך האב נישט געדארפט קיין סאך שרייבן נאר אויסוועלן ביי יעדע שאלה איינס פון דריי ענטפערס. תכלית, יעדע שאלה האט באקומען א תשובה, און איך בין געגאנגען זיך אליינס באקוקן ביים טישל - וואס די אויסזיכטן זענען.

איך בין נישט געווען איבעראשט צו זען, אז לויט די ריכטיגע ענטפערס קומט זיך מיר א שיינע... 36! טייטש: פאנג אן פון אנפאנג. א פרישע יאר פון לערנען... האפנטליך דעמאלט וועסטו מצליח זיין און אריינגיין אין ביזנעס.

איך האב דאך אבער שוין אנגעפאנגען א נייע יאר פון לערנען... דער **"אור החיים הקדוש"** האט עס געשעצט, און ער אליינס האט מחליט געווען צו צייכענען מיין טעסט. פון וואו ווייסט איך? ווייל דא איז געשען א זאך וואס קען נישט געשען בדרך הטבע, ס'איז פשוט נישט במציאות.

ווען איך בין געקומען אפנעמען דעם טעסט, האב איך צו מיין שטוינונג געזען אז דער אויפזעער האט פארגעסן וויאזוי מ'שרייבט נאמבערס, און אנשטאט צו שרייבן 36 - האט ער געשריבן 63... די רעזולטאט איז: **איך בין אריבער 60! איך האב מצליח געווען!!!**

ווי לעכערליך ס'הערט זיך, ווייל ביי דעם סארט טעסט איז נישטא אזא מין זאך "**אַד נָאמְבֶּער מַארְק**" - יעדע צייכן מוז זיין א גלייכע נומער... וועסטו זיך וואונדערן, וויאזוי האט דער אויפזעער נישט געכאפט אזא אפענעם טעות?!

קענסט אים פרעגן, ער ווייסט אליינס נישט. איך ווייס יא! ...

אויפן פארלאנג פונעם ציבור, האבן מיר זיך בס"ד לעצטנס שטארק פארברייטערט מיטן דרוקן און מפיץ זיין דעם גליון ברחבי תבל, און מיט דעם ווענדן מיר זיך צו אייך, אזויווי די הוצאות זענען גרויס, און די זכות פון דרוקן און מפיץ זיין האט א געוואלדיגע כח הסגולה כידוע, ביטע נעמט השתתפות אין די מלאכת הקודש מיט'ן מנדב זיין א גליון לזכות אדער לע"נ.

צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער צו געבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998

אדער שיקט אן אימעיל צו: torahsohrhachaim@gmail.com

פאר סיי וועלכע פראגעס בנוגע דעם גליון, קענט איר רופן:

הרה"ח יהודה לייב זארגער שליט"א 917-681-0310 • הרה"ח אברהם ישראל הערשקאוויטש שליט"א 845-537-0839

וזכות רבינו הק' תגן בעדכם לרוב ברכה והצלחה וכל טוב

כל הזכויות שמורות למורשת אור החיים הקדוש הוצאה לאור והפצת מעיינות הקודש בראשות הרה"ג משה שווארץ שליט"א
מען למכתבים סוקולב 9\ב בני ברק ליצירת קשר בקו המורשת 0733.713.620 מייל G077-490-4173@gmail.com